אע"פ אז בכלל איז דאך דער סדר פארקערט, ווי ער זאגט אין אגה"ת, אז פריער דארף זיין תשו"ת און דערנאך קומט מען צו תשו"ע;

זאגט דאך אבער דער אלטער רבי אין תניא, אז עס איז פאראן א הוראת שעה און א זמן אז תשו"ע דארף זיין פריער.

ע"ד ווי עס איז געווען בכה רבי יש קונה עולמו בשעת אחת, וואס דאס רעדט זיך דאך וועגן תשובה מאהבה, איז דאך דאס תשו"ע, וואס דוקא אויף דער דרגא איז געווען דער בכה רבי, און דאס איז געקומען בשעה אחת – אהן די הקדמה פון תשו"ת,

אזוי אויך איז איצטער (בעשי"ת) דער זמן פון "האזינו – קירוב השמים – תשו"ע" –, ובפרט נאך ווי די קביעות איז היינטיקן יאהר אז גלייך נאך ר"ה קומט שבת, וואס שבת איז דאך ענינו תשו"ע כמבואר אין אגה"ת (פ"י), שטעלט מען זיך גלייך אין אזא אופן, און עס גרייט צו אז די עבודה אין די ווייטערדיקע טעג זאל זיין בבחי' תשו"ע, ווארום שבת איז דאך כולל כל ימי השבוע.

וואס די מעלה פון תשו"ע איז דאס דוגמת לימוד התורה כנ"ל, וואס איז מיט א געשמאק ומתוך שמחה, און בשעת די עבודה איז מיט א געשמאק און מתוך שמחה ברעכט דאס דורך וועלט, און ניט באופן פון "ברעכן" נאר ווי דער דרך התורה איז, אז "בדרכי נועם" מאכט מען פון וועלט א דירה לו ית' בתחתונים.

און דורך דעם בחוקותי תלכו שתהיו עמלים בתורה מיט א געשמאק, קומט מען צו ונתתי גשמיכם בעתם וגו',

וואס דאס איז אויך וואס "האזינו השמים ותשמע הארץ" האט אויך דעם פי' אז משה האט געגעבן צו שמים, ווארום אין לך עשב מלמטה שאין לו מזל מלמעלה כו' האט משה געזאגט צו "שמים" אויף ממשיך זיין גשמיות צו אידן, ביז עס וועט זיין דער יעוד פון ואולך אתכם קוממיות בביאת משיח צדקינו יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו.

ה. כנהוג בא יעדער התוועדות, לערנט מען א פסוק חומש מיט רש"י. ובפרט דעם שבת, וואס איז דאך דער ערשטער אין יאהר, וואס דאס איז א התחלה על כל השנה כולה, דארף דיכער אזוי זיין.

דער חלק אין דער סדרה וואס איז מעהר פארבונדן מיט שבת איז דאס פון שביעי און, ובפרט פון מפטיר וואס דאס איז דאך דיכער פארבונדן מיט שבת, און דער ערשטער פסוק פון מפטיר, איז דאך כולל אויך די ווייטערדיקע פסוקים, ווארום ער איז דאך ניט נאר א התחלה, נאר אויך א "ראש", וכידוע אז א "ראש" איז אין זיך כולל אלע ענינים וועלכע קומען ארויס פון אים.

דער ערשטער פסוק פון מפטיר איז: "וידבר ה' אל משה בעצם היום הזה לאמר";

איז רש"י מפרש: "בשלשה מקומות נאמר בעצם היום הזה, נאמר בנח בעצם היום הזה בא נח וגו' במראית אורו של יום לפי שהיו בני דורו אומרים בכך וכך אם אנו מרגישים בו אין אנו מניחים אותו להכנס בתיבה ולא עוד אלא אנו נוטלין כשילין וקרדומות ומבקעין את התיבה אמר הקב"ה הריני מכניסו בחצי היום וכל מי שיש בידו למחות יבא וימחה. במצרים נאמר בעצם היום הזה הוציא ה' לפי שהיו מצרים אומרים בכך וכך אם אנו מרגישים בהם אין אנו מניחין אותם לצאת ולא עוד אלא אנו נוטלין סייפות וכלי זיין והורגין להם אמר הקב"ה הריני מוציאם בחצי היום וכל מי שיש בו כח למחות יבא וימחה. אף כאן במיתתו של משה נאמר בעצם היום הזה

– לפי –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 25 הודפס ע"י או

לפי שהיו ישראל אומרים בכך וכך אם אנו מרגישין בו אין אנו מניחין אותו אדם שהוציאנו ממצרים וקרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו והעלה לנו את הבאר ונתן לנו את התורה אין אנו מניחין אותו אמר הקב"ה הריני מכניסו בחצי היום וכו'".

וואס אין פשוטו של מקרא קומט דא רש"י באווארענען פארוואס שטייט אין פסוק "בעצם היום הזה", די פרשה קומט דאך בהמשך צו וילך משה וגו' און דארטן שטייט דאך אז "היום מלאו ימי ושנותי", איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז געווען דעם לעצטן טאג, איז וואס דארף דער פסוק נאך אמאל זאגען "בעצם היום הזה"?

אויף דעם פארענטפערט רש"י אז בג' מקומות בתורה געפינט מען דעם זעלבן אויסשפראך און עס האט דעם זעלבן פירוש, און רש"י איז מפרש דעם פירוש.

אין דער רש"י זיינען פאראן אסאך קושיות ביז אז רבו מלספר:

א) וואס איז בכלל דער צושטעל פון דעם פסוק בא אונדז ביז די פסוקים פון נח און פון יצי"מ, אפילו א קינד אין חדר פארשטייט אז עס איז פאראן א חילוק.

דארטן איז פארשטאנדיק אז עס איז געווען א מופת פון אויבערשטן, ביי נח איז געווען דער מופת, אז אע"פ דער גאנצער דור איז געווען אנטקעגן אים, און זיי וואלטן דאך אים געקאנט מעכב זיין פון ידייגגיין, דערציילט דער פסוק דעם מופת אז עס איז געווען "בעצם היום הזה",

אזוי אויך בא יצי"מ, זיינען דאך די מצריים געווען מעהרער אסאך ווי די אידן, והראי' אז טאקע די גאנצע צייט האבן זיי דאך די אידן משעבד געווען, און די אידן האבן פאר זיי מורא געהאט, וואלט דאך געווען א אפשריות אז זיי זאלן די אידן אפהאלטן פון ארויסגיין פון מצרים, אויף דעם דערציילט דער פסוק אז עס איז געווען "בעצם היום הזה" און דער אויבערשטער האט געזאגט "כל מי שיש בידו למחות יבוא וימחה", און קיינער האט גארניט געקאנט טאהן,

אין אונדזער סדרה אבער קען מען עס ניט זאגן, ווארום ווי איז בכלל שייך זאגן אז די אידן וואלטן געקאנט אפהאלטן (כביכול) דעם אויבערשט פון צונעמען משה, איז עס דען בידם פון אידן, דאס איז ניט בידו של גברא אפהאלטן, און ווי כ"ק מו"ה אדמו"ר שרייבט אין דעם מאמר ההילולא "אין אדם יודע עתיו ורגעיו כו'",

איז וואס פאר א דמיון איז אונדזער פסוק צו די אויבענדערמאנטע צוויי מאורות, און וואס איז דא געווען דער נס וואס עס איז געווען "בעצם היום הזה".

ב) כמדובר כמה פעמים אז אין רש"י איז דאך מדויק אויך די ווערטער פון פסוק וואס רש"י ברענגט אראפ און איז זיי מפרש, איז לפי"ז ניט פארשטאנדיק וואס דארף רש"י אראפברייגגען אין דעם דיבור המתחיל פון דער פסקא אויך די ווערטער "וידבר ה' אל משה", וואס איז דאס נוגע צו דעם גוף הפירוש, עס וואלט דאך געווען מספיק ווען רש"י ברענגט מערניט ווי די ווערטער פון פסוק "בעצם היום הזה"?

נאך שטארקער ווערט די קשיא: בשעת רש"י אין גוף הפירוש ברענגט די אנדערע צוויי ערטער וואו עס שטייט "בעצם היום הזה", זעט מען דאך אז די ווערטער וואס שטייען אין פסוק פאר דעם זיינען ניט נוגע צו דעם ענין, אויב אזוי פארוואס בא אונדז איז יא נוגע אז רש"י זאל ברענגען די ווערטער פון "וידבר ה' אל משה",

— וממה —



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 26 הודפס ע"י או

וממה נפשך; אויב בא אונדז זיינען די ווערטער יא נוגע, האט דאך רש"י בשעת ער ברענגט אראפ די אנדערע צוויי ערטער (נח, יצי"מ) אויך געדארפט ברענגען די ווערטער וואס שטייען אין פסוק פאר דעם "בעצם היום הזה"?

ג) אויך איז ניט פארשטאנדיק וואס דארף בכלל רש"י דא אראפברייגען די אנדערע צוויי ערטער וואו עס שטייט דער לשון "בעצם היום הזה" און זיי מפרש זיין, לכאורה וואלט ער דא געדארפט מפרש זיין פארוואס דא שטייט דער לשון, אבער ניט אויסטייטשן די איבעריקע ערטער?

און ווי רש"י טוט טאקע אין פ' נח, וואס דארט איז ער נאר מפרש דעם פסוק על אתר, און ברענגט ניט פון יצי"מ, און ניט אונדזער פסוק?

בפשטות וואלט מען געזקאנט מחלק זיין פון פרשת נח ביז דא בא אונז: ווארום בשעת דער קינד אין חדר לערנט פ' נח ווייס ער נאך ניט אז עס שטייט דער זעלבער לשון ווייטער אין חומש בא יצי"מ און בא פטירת משה, דעריבער דארף עס רש"י ניט מפרש זיין, דא אבער אין פ' האזינו האט דאך שוין דער קינד געלערנט סיי פ' נח און סיי דעם ענין פון יצי"מ, דעריבער איז רש"י מפרש אלע ג' מקומות,

מען קאן אבער אזוי ניט פארענטפערן, ווארום פון סגנון לשון רש"י וואס ער זאגט בג' מקומות גאמר און פונקט ווי דארטן איז אזוי דער פירוש אז דער אויבערשטער האט געזאגט מי שיש בידו למחות כו' איז אזוי אויך בא אונז דער פירוש אין דעם "בעצם היום הזה",

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דער גאנצער הכרח אויף מפרש זיין בא אונז "מי שיש בידו למחות יבא וימחה" איז נאר וויל אין די אנדערע צוויי ערטער איז אזוי דער טייטש, ולכאורה וואס איז דארט מעהר פשוט אזוי צו טייטשן ווי בא אונז, "מאי אולמא האי מהאי", ביז אז – ווי פון סגנון רש"י ווייזט אויס – וועט דארט וואלט אזוי ניט געווען דער פירוש וואלט מען בא אונז אויך ניט געקענט אזוי מפרש זיין?

ד) וואו נעמט רש"י אין פשוטו של מקרא אז די אנשי דורו פון נח האבן געוואלט טאהן צוויי זאכן: א) "אין אנו מניחין אותו להכנס בתיבה" ב) "נוטלין כשילין וקרדומות ומבקעין את התיבה"?

אזוי אויך אז די מצרים האבן געוואלט טאהן צוויי זאכן: א) "אין אנו מניחין אותם לצאת" ב) נוטלין סייפות וכלי זיין והורגין להם"

וואו ליגט אין "בעצם היום הזה" וואס עס שטייט דארט די ביידע ענינים,

און אויב ס'איז מוכרח טייטשן אין "בעצם היום הזה" צוויי פרטים (ווי רש"י טייטשט אין די צוויי ערטער), וואלט רש"י בא אונז אויך געדארפט ברענגען צוויי ענינים וואס די אידן האבן געוואלט טאהן אפ-צוהאלטן צונעמען משה'ן?

ה) אין רש"י איז דאך יעדער ווארט מדויק, דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט רש"י בא אנשי דורו של נח, אז זיי וואלטן גענומען "כשילין וקרדומות", און אזוי אויך בא מצרים אז זיי וואלטן גענומען "סייפין וכלי זיין", עס וואלט דאך לכאורה מספיק געווען איין זאך, איז וואס דארף רש"י אנכאפן צוויי זאכן,

נאך שטארקער ווערט די קשי': בשעת רש"י איז מפרש בא אונז אז די אידן האבן ניט געוואלט לאזן צונעמען משה, איז רש"י ניט מפרש אין וואס פאר א אופן זיי האבן דאס געוואלט טאהן, און ער כאפט ניט אן קיינע פרטים, נאר בא די אנדערע צוויי ערטער זאגט רש"י יא ווי אזוי, און ברענגט נאך צוויי פרטים?

– בשעת –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 27 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

ו) בשעת רש"י איז מפרש אין פ' נח און בא יצי"מ אז די האבן גע'טענה'ט "אין אנו מניחין", זאגט ניט רש"י קיין טעם פארוואס די וואלטן ניט געלאזן, פארוואס בא פטירת משה זאגט רש"י אז די האבן גע'טענה'ט "אדם שהוציאנו ממצרים כו'"?

אויב אז אין די אנדערע ערטער איז מובן בפשטות (וואס דערפאר ברענגט ניט רש"י קיין טעם לטענתם) איז דאך בא אונז זיכער פארשטאנדיק אז די אידן האבן ניט געלאזט מ'זאל צונעמען פון זיי משה'ן, איז וואס דארף רש"י ברענגען דעם טעם הטענה דייערן?

ז) בשעת רש"י פירט אויס דעם פירוש אין אונזער פסוק זאגט ער: "אמר הקב"ה הריני מכניסו בחצי היום וכו'".

וואס דער פירוש אין "וכו'" איז, אז רש"י פארלאזט זיך אז מ'וועט וויסן אז דא איז דער זעלבער אויספיר ווי פריער פון "כל מי שיש בידו למחות כו'".

לכאורה, אבער וואלט רש"י געדארפט אויספירן דעם גאנצן ענין פונקט ווי אין די פריערדיקע מאל, ווייל מ'קאן ניט זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אז מ'וועט וויסן דעם אויספיר פון "כל מי שיש בידו למחות כו'", ווייל אויב אזוי פארוואס בא מצרים ברענגט עס רש"י יע אראפ, לכאורה וואלט בא מצרים אויך געווען מספיק מיט א"וכו'", און מ'וואלט געוואוסט דעם אויספיר ווייל רש"י זאגט עס דאך בא נח'ן. דארף מען אויב אזוי פארשטיין פארוואס אין דעם פירוש פון אונזער פסוק דוקא זאגט רש"י ניט דעם אויספיר נאר איז דאס מרמז מיט א "וכו'"?

ח) דער גאנצער פירוש רש"י שטייט אין ספרי, נאר רש"י מאכט עטליכע שינוים ווי עס שטייט אין ספרי.

א) אין ספרי פירט ער יא אויס אויף אונזער פסוק "כל מי שיש בידו למחות כו'", ניט ווי רש"י איז בא אונז מסיים "הריני מכניסו בחצי היום וכו'" און דאס ווייטערדיקע איז ער מרמז מיט א "וכו'"

ב) אין ספרי צווישן די מעלות פון משה'ן זאגט ער אז "ועשה לנו ניסים וגבורות", רש"י אבער רעכנט דאס ניט.

וואס לכאורה וואלט דאס רש"י אויך געדארפט רעכענען צווישן די מעלות אויף משה, וואלט רש"י אראפגעבראכט מערניט ווי איין מעלה וואלט געווען פארשטאנדיק, וויבאלד אבער סיי ווי רעכנט רש"י עטליכע מעלות, איז פארוואס איז ער משמיט די מעלה, וואס אין ספרי זאגט ער דאס יא?

ג) אויך איז רש"י משנה דעם סדר המעלות לויט ווי ער שטייט אין ספרי, - וואס דארט רעכנט ער די מעלה פון "ונתן לנו את התורה" גלייך נאך "וקרע לנו את הים", רש"י אבער רעכנט "ונתן לנו את התורה" לבסוף?

אפילו ווען דער ספרי וואלט ניט געווען על אתר, וואלט דאך רש"י זיכער געוואוסט פון איהם, עאכו"כ אז דער ספרי איז אויף דעם פסוק, און די גאנצע פירש"י נעמט זיך פון איהם, דארף מען פארשטיין פארוואס איז רש"י משנה, בשינוים הנ"ל, ווי עס שטייט אין ספרי?

נאר, כמדובר כמה פעמים, אז ענינו של רש"י איז דאך לפרש פשוטו של מקרא, משא"כ דער ספרי איז כולל אויך הלכה רמז דרוש וכו', איז רש"י לויט פשוטו של מקרא, קאן נאר זאגן אויף דעם אופן.

דארף מען אבער פארשטיין וואו אין פשוטו של מקרא וועלן פארענטפערט ווערן די אלע פרטים? וכמו שיתבאר לקמן;

- אין פ' -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 28 הודפס ע"י או

י) אין פ' בא, דארט וואו עס שטייט בא יצי"מ דער פסוק "בעצם היום הזה", איז רש"י גארניט מפרש. וואס אין פשטות איז דאס ווייל רש"י פארלאזט זיך אז מ'וועט שוין אליין פארשטיין ווייל ער האט שוין אפגעטייטשט דעם לשון אין פ' נח, האט ער דאך דא אויך ניט געדארפט מפרש זיין, פארלאזנדיק זיך אויף פ' נח?

און אויב רש"י איז דא יע מפרש ווייל פון פ' נח וואלט מען שוין געקאנט פארגעסן, איז מ'יאמר אז אין פ' בא געדענקט מען יא, דאס איז דאך שוין אויך א צווייטער ספר, ניט ספר בראשית,

דארף מען פארשטיין פארוואס דא איז רש"י יא מוכרח מפרש צו זיין, משא"כ אין פ' בא.

יא) אין פ' בא, אין דעם ענין פון יצי"מ שטייט צוויי מאל דער לשון "בעצם היום הזה", (יב,מא. יב,נא) און דא ברענגט רש"י דעם צווייטן "בעצם היום הזה", ווייל רש"י ברענגט דעם אויספיר פון פסוק "הוציא ה'" וואס דאס שטייט ביים צווייטן.

איז לכאורה נישט פארשטאנדיק, רש"י האט דאך געדארפט מפרש זיין גלייך דעם ערשטן מאל ווי עס שטייט אזא לשון אין דער פרשה?

דער ביאור בכל הנ"ל - לויט דעם סדר הפסוקים - איז:

אין פרשת נח דערציילט דער פסוק אז נח האט געבויט א תיבה הונדערט און צוואנציג יאהר, און האט דערציילט לבני דורו אז דער אויבערשטער וועט ברענגען א מבול אויף דער וועלט, און ער וועט בלייבן לעבן, האבן זיי דאך פארשטאנען אז דער אויבערשטער וויל דא ניט חרוב מאכן די גאנצע וועלט, נאר ער וויל עס זאל בלייבן א שארית, והראי' אז ער הייסט נח'ן מאכן א תיבה ער זאל זיך קאנען ראטעווען.

בשעת דער קינד לערנט דאס אין חדר פארשטייט ער גלייך אז דער דור המבול האבן געזוכט עצות ווי אזוי צו מבטל זיין די תיבה, וועט דאך נח ניט האבן דורך וואס צו ראטעווען זיך, וועט דער אויבערשטער קיין מבול ניט ברענגען, ווייל ער וויל דאך אז נח זאל איבערבלייבן, במילא וועלן זיי זיך ראטעווען.

תשובה טאהן - און דורך דעם מבטל זיין דעם מבול - האבן זיי ניט געוואלט, איז בא זיי געבליבן די איינציגע עצה אויף ניט אריינלאזן נח'ן אין דער תיבה.

אויב אזוי שטעלט זיך ביים קינד אין חדר די שאלה ווי אזוי איז טאקע נח אריין אין דער תיבה און זיי האבן אים ניט פארהאלטן,

אויף דעם דערציילט די תורה אז עס איז געווען "בעצם היום הזה" אז דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז אלע האבן געזעהן ווי נח איז אריינגעגאנגען אין דער תיבה, ער האט זיך ניט געדארפט אריינגנב'ענען ביינאכט, און קיינער האט אים ניט געקאנט שטערן.

וואס דאס איז געווען זייער טענה - וואס רש"י ברענגט - "אין אנו מניחים אותו ליכנס" במילא וועט ווערן אויס מבול.

דאס אליין וואלט אבער ניט געווען גענוג אפצוהאלטן דעם מבול, ווייל ווי לאנג קאנען זיי דאס שטיין און היטן אז ער זאל ניט אריינ-גיין אין דער תיבה, זיי קענען דאך ניט שטיין כל ימיהם און איהם היטן,

דעריבער מוז רש"י זאגן אז זיי האבן אויך געוואלט "ומבקעים את התיבה", צוברעכן די תיבה, וועט ער דאך מוזן אנהויבן בויען אויפדאסניי נאך אמאל די תיבה, און זיי האבן דאך געוואוסט אז עס האט אים גענומען הונדערט צוואנציג יאהר אויפבויען א תיבה, וועלן זיי דורך דעם אפהאלטן דעם מבול,

- בכדי -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 29 הודפס ע"י או

בכדי צו קאנען "ומבקעין את התיבה" ברענגט רש"י האט מען געדארפט האבן "כשילין וקרדומות":

א קרדום פארשטייט דער קינד בפשטות אז דאס מיינט א האק און דאס האט מען געדארפט ווייל מיט דעם האק מען צוברעכן די תיבה, דאס אליין וואלט אבער ניט געווען מספיק, ווייל עס איז פארשטאנדיק אז ווען זיי וואלטן געקומען ברעכן מיט "קרדומים" וואלט דאך זיי נח זיכער ניט געלאזן, וויבאלד דער אויבערשטער האט אים געהייסן בויען די תיבה, און ער האט אויף איהר געארבעט הונדערט און צוואנציק יאהר, און בכדי אים אפצוהאלטן ער זאל זיי ניט שטערן פון האקן די תיבה האבן זיי געמוזט האבן אויך "כשילין";

דער ענין פון א כשיל איז דאס א שטרויכלונג, אויף שטרויכלען יענעם און אים אפהאלטן פון אויספירן דאס וואס ער וויל, אבער ניט אזא שטרויכלונג וואס מ'מאכט יענעם פאר א בעל מום,

דער קינד ווייס אז דאס איז דער ענין פון א "כשיל" ווארום ער געדענקט וואס ער האט געלערנט אין פ' שופטים (כ,ט) וואס רש"י זאגט דארט אז לאחר ווען די שוטרים האבן געענדיקט רידן אל העם, ווער דארף ניט גיין במלחמה, שטייט אז די וועלכע האבן ניט געוואלט גיין אין מלחמה האבן די שרי צבאות זיין באנוצט מיט "כשילין" בכדי זיי אפהאלטן,

און דארט איז דאך מוכרח בפשטות טייטשן אז א "כשיל" איז ניט געווען אויף זיי צו מזיק זיין, ווארום אויב מ'וואלט אים געמאכט א בעל מום, וואלט ער דאך זיכער ניט געקאנט גיין אין מלחמה, נאר מוז מען טייטשן אז א "כשיל" איז דאך א שטרויכלונג אפצוהאלטן יענעם פון אויספירן וואס ער וויל,

אזוי האבן די אנשי דור המבול זיך געוואלט באניצן מיט "כשילין" בכדי אז נח זאל זיי ניט קענען שטערן פון "מבקעין את התיבה" מיט "קרדומים" ווארום הרג'ענען נח'ן האבן זיי אבער ניט געוואלט, ווייל די גאנצע "אינשורנס" זייערע אז עס וועט קיין מבול ניט זיין איז דאך געווען נאר אויב נח וועט זיך ניט קענען ראטעווען אין דער תיבה, וועט דער אויבערשטער ניט ברענגען קיין מבול, אויב אבער זיי וואלטן איהם געהרג'עט וואלט דאך שוין געקאנט זיין א מבול,

דעריבער מוז רש"י זאגן אז זיי וואלטן געדארפט אנקומען סיי צו "קרדומים" און סיי צו "כשילין".

אזוי אויך בא יציאת מצרים, איז דאך בשעת די אידן זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים איז דאך געווען וישאילום כלי כסף וכלי גו', זיי האבן אויסגעליידיקט די מצרים, שטעלט זיך די שאלה ווי האבן די מצרים ארויסגעלאזט די אידן, און ווי מ'זעט טאקע אז ווי די אידן זיינען לפועל ארויסגעגאנגען האבן זיי הרטה געהאט, איז ווי האבן זיי לכתחילה ארויסגעלאזט.

מוז מען זאגן אז אויך בתחילה האבן זיי גע'טענה'ט "אין אנו מניחים אותם לצאת", און האבן טאקע ניט געוואלט ארויסלאזן די אידן,

די טענה אבער פון "אין אנו מניחים אותם לצאת" איז דאך א באווארעניש מער ניט ווי אויף טעג, זיי קענען דאך ניט היטן די אידן כל ימיהם אז זיי זאלן ניט ארויסגיין;

ארבעטן מיט זיי קאנען זיי שוין ניט, ווייל זיי האבן דאך שוין געזעהן וואס זיי האבן געכאפט פאר ארבעטן מיט אידן - עשר מכות, האלטן די אידן אין מצרים און זיי מפרנס זיין לוינט זיי ניט, האבן זיי געהאט איין עצה פון הרג'ענען זיי, במילא וועלן זיי קיינמאל ניט ארויסגיין,

— דערפאר —



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 30 הודפס ע"י אוצ

דערפאר ברענגט רש"י ביידע פרטים פון די טענת המצריים "אין אנו מניחים אותם לצאת ולא עוד אלא אנו נוטלין סייפות וכלי זיין והורגין להם", ווייל זיי האבן געפלאנט אויף ביידע פרטים.

און רש"י ברענגט די צוויי ענינים פון "סייפים וכלי זיין". א סייף פארשטייט דער קינד אז דאס איז א חרב, און דאס איז אויף הרג'נען, ווי עס שטייט "לו יש חרב בידי והרגתיך", האבן זיי געדארפט האבן "סייפים" אויף הרג'נען.

דאס אליין וואלט אבער נים מספיק געווען, ווייל עס איז דאך פארשטאנדיק אז די אידן וואלטן נים צוגעלאזט מ'זאל זיי הרג'נען, און וואלטן זיך געשטעלט אנטקעגן, דעריבער מוז רש"י זאגן אז זיי האבן פלאנירט צוצוגרייטן "כלי זיינין" -- און רש"י מוז נים אפטייטשן פונקט וועלכע כלי זיין ער מיינט –

וואס דאס איז געווען אלע איבעריקע כלי מלחמה ווי א "מגן" וכו', אויף זיך צו באשיצן פון די אידן, דעריבער מוז רש"י ברענגען ביידע פרטים וואס זיי האבן געוואלט צוגרייטן: "סייפים" אויף הרג'נען, און "כלי זיינין" אויף זיך מציל זיין.

דער ביאור פארוואס רש"י מוז דאס איינלערנען אויף דעם צווייטן "בעצם היום הזה" (וואס שטייט בא יצי"מ) און נים בא דעם ערשטן – וואס דארט טייטשט רש"י אפ באופן אחר -- איז:

ווייל דער כללות הענין אז גלייך האבן זיך די מצריים מיישב געווען און נים געוואלט ארויסלאזן די אידן איז א גרויסער דוחק, עדשט איז געווען מכת בכורות און זיי האבן די אידן ארויסגעיאגט, איז שווער לערנען אז גלייך האבן זיי געוואלט אפהאלטן די אידן,

דעריבער דעם ערשטן מאל וואס עס שטייט "בעצם היום הזה", און רש"י האט א אויסוועג טייטשן באופן אחר, אז דאס מיינט פונקט ווען עס האט זיך געענדיקט די צייט פון די ר"י שנים זיינען זיי ארויסגעגאנגען און נים פארהאלטן אפילו אויף איין רגע, לערנט בעסער רש"י דעם פירוש,

בשעת אבער עס שטייט אין דער זעלבער פרשה נאך אמאל דער זעלבער לשון "בעצם היום הזה", קאן שוין רש"י נים טייטשן באופן אחר, מוז ער לערנען אז די מצריים האבן זיי נים געוואלט ארויסלאזן וכו',

דערנאך זאגט רש"י אז "אף כאן" איז אויך אזוי דער פירוש אין דעם "בעצם היום הזה".

וואס כנ"ל איז משמע פון סגנון רש"י אז דא איז שווער אזוי לערנען, נאר מ'לערנט דא אזוי ווייל מ'געפינט אז אזוי איז דער פירוש אין נאך צוויי ערטער (איז דאס ע"ד ווי רש"י ברענגט כמה פעמים ראיות לפירושו פון א מדרש אדער תרגום וכו'),

דארף מען פארשטיין פארוואס דא מצד עצמו וואלט מען נים געקאנט אזוי לערנען, וכמשי"ת לקמן.

ז. איז דער ביאור אין דעם:

דא רעדט זיך דאך וועגן דעם דור שנכנסו לארץ, וואס זיי זיינען געווען נים ווי דור המדבר וואס הטאו, איז אויב אזוי נים פארשטאנדיק ווי האבן זיי געוואלט מבטל זיין, און אנטקעגן שטעלן זיך דעם רצון פון אויבערשטן, וואס איז געווען אז משה זאל נפטר ווערן,

בשלמא דער דור המבול און אזוי אויך די מצריים איז פארשטאנדיק, ווארום זיי האבן דאך די גאנצע צייט געטאהן קעגן דעם אויבערשטנס רצון,

– ווי –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 31 הודפס ע"י א

וזי עס שטייט בא די מצריים וירעו אותנו גו', בא אונז אבער איז שווער דאגן אז זיי האבן געוואלט גיין אנטקעגן דעם ציווי פון אויבערשטן,

דעריבער אלולא וואס אין די אנדערע ערטער וואו עס שטייט דער לשון "בעצם היום הזה" איז דער טייטש אז מ'האט געוואלט מעכב זיין וכו' וואלט מען בא אונז אזוי ניט געקענט לערנען, וויבאלד אבער אז עס שטייט עטליכע מאל אין דער תורה דער לשון און איבעראל איז אזוי דער טייטש, מוז רש"י בא אונז אויך אזוי לערנען,

דעריבער מוז רש"י אראפברענגען אין דעם דיבור המתחיל אויף די ווערטער "וידבר ה' אל משה",

ווארום דערמיט ווערט פארענטפערט ווי אזוי טאקע האבן די אידן זיך אנטקעגן געשטעלט. און דער תירוץ איז, וויבאלד אז דער דיבור איז געווען צו משה'ן, אבער צו די אידן איז קיין ציווי ניט געווען, האבן די אידן געהאלטן אז זיי דארפן טאהן וואס זיי קענען אויף דאס מונע זיין,

ואדרבה, עס קאן גאר זיין זיי האבן געהאלטן — אז דאס איז א נסיון מלמעלה, און די גאנצע כוונה איז אז אידן זאלן זיך שטעלן מיט א מסירות נפש, און ניט צולאזן אז משה זאל צוגענומען ווערן פון זיי,

עס בלייבט נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק: אמת טאקע דער ציווי איז געווען צו משה'ן און ניט צו די אידן כנ"ל, די אידן האבן דאך אבער געוואוסט אז משה האט געהאט א ציווי פון אויבערשטן, איז ווי האבן זיי געקאנט גיין און אים ניט דערלאזן אויספירן דעם ציווי ה' עס איז דאך פאראן א איסור פון לפני עור, און וואו האבן זיי געהאט א מקור אויף דעם,

צו פארענטפערן די שאלה ברענגט רש"י אראפ די אלע טובות וואס משה האט געטאהן פאר די אידן,

וואס דאס וועט מען פארשטיין בהקדים: דער קינד אין חדר געדענקט דאך וואס ער האט געלערנט אין פ' כי תבוא, וואס דארט שטייט אז מ' דארף ברענגען ביכורים, זאגט רש"י דעם טעם, "שאינך כפוי טובה", זעט מען דאך אז מטאר ניט זיין קיין כפוי טובה,

במילא האבן די אידן געהאלטן אז זיי טארן נאט זיין קיין כפוי טובה, לאחר די אלע מעלות וואס משה האט זיי געטאהן, ווי רש"י רעכנט אויס "שהוציאנו ממצרים וכו'", טארן זיי ניט צולאזן צו אים דעם עניין המיתה, זיי טארן ניט זיין קיין כפויי טובה;

אע"פ אז משה האט געהאט א ציווי אויף דעם פון דעם אויבערשטן, ווייס דאך אבער דער קינד וואס לערנט די רש"י, אז עס איז דאך פאראן כמה וכמה עניינים וואס עשה דוחה ל"ת. ועד"ז דאס וואס לא תבערו אש ביום השבת איז דאס נאר "במושבותיכם" אבער ניט אין ביהמ"ק, עד"ז אז טומאה איז בא סתם א אידן ניט אסור משא"כ א כהן איז אסור להטמא, האבן זיי געהאלטן אז מה דאך לגבי פירות איז דא א איסור אז מ'טאר ניט זיין קיין כפוי טובה (שע"כ מביאים בכורים), עאכו"כ בשעת עס רעדט זיך וועגן משה רבינו, אע"פ אז משה האט געהאט א ציווי אויף דעם,

דערפאר מוז רש"י בא אונז ברענגען טעמים פארוואס זיי האבן געוואלט אפהאלטן מית משה, משא"כ בא דור המבול און יציאת מצרים זאגט ניט רש"י קיינע טעמים פארוואס זיי האבן געוואלט מוחה זיין,

ווארום דארט איז מובן בפשטות, אז זיי האבן געוואלט עובר זיין על רצון ה', דא אבער דארף מען אנקומען צו הסברים פארוואס האבן

— די —



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 32 הודפס ע"י או

די אידן דאס געוואלט סאהן ניט קוקענדיק אויף דעם וואס משה האט געהאט א ציווי פון אויבערשטן, און רש"י זאגט די טעמים,

לפי"ז שטעלט זיך די שאלה פארוואס ברענגט ניט רש"י די מעלה וואס ער רעכנט אין ספרי "ועשה לנו ניסים וגבורות" (ווייבאלד מ'איז דאך אויסען מסביר זיין אז די אידן האבן ניט געוואלט זיין קיין כפוי טובה זאל ער רעכענען נאך מעלות וואס משה האט געטאהן צו אידן)

נאר, דאס וואס דער ספרי זאגט "ועשה לנו ניסים וגבורות" מיינט ער דאס מלחמת סיחון ועוג, ווי דער לשון הפסוק איז דארט "המסות הגדולות וגו'", איז הגם טאקע דאס איז געווען א ענין נעלה, ווי רש"י ברענגט פריער אז איידער משה האט געוואלט זאגן די אידן מוסר האט ער זיי געמוזט באווייזן דעם נס פון סיהון ועוג,

פונדעסטוועגן קאן דאס רש"י דא ניט רעכענען, וואדום א טעם אויף אפהאלטן מיתת משה – מצד כפוי טובה – קאן דאס ניט זיין,

ווילע בכדי דאס צו טאהן מצד שלא להיות כפוי טובה, קאן דאס נאר זיין פאר אזוינע מעלות וואס משה האט געטאהן צו אלע אידן, (וואדום אויב דאס איז ניט קיין טובה צו אלע אידן, איז ווי מעגן אלע טאהן דא א פעולה נגד ציווי ה' אל משה, נאר כנ"ל ווילע עשה להם טובה) און מלחמת סיחון ועוג איז געווען נאר פאר ראובן, גד, וחצי שבט המנשה, וואדום אלע איבעריקע אידן זיינען דאך אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, און ניט געבליבן אין עבר הירדן,

– דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דיוק לשון רש"י "ארם שהוציאנו כו'" ניט זיי האבן געוואלט אפהאלטן מיתת משה מצד מעלתו של משה, ע"ד ווי המעלה אז משה כפני חמה וכו', וואדום מצד דעם אליין וואלטן זיי דאס ניט געטאהן, כנ"ל, נאר דוקא ווייל הוציאנו, מצד די טובות וואס ער האט געטאהן אידן, און קיין כפוי טובה טאר מען דאך ניט זיין,

מ'קען ניט פרעגן, יציאת מצרים איז דאך אויך ניט געווען לאותו הדור, היינט ווי זאגט רש"י "שהוצאנו ממצרים" –

– ע"פ אז ס'איז חייב אדם לראות א"ע כאלו יצא ממצרים, דאס איז אבער ניט משנה דעם פשוטו של מקרא –

ווייל אין פ' בא אויף דעם פסוק "כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת גו'" (שמות יג, יד) זאגט רש"י: "יש מחר שהוא לאחרי זמן", ד.ה. אז אפילו הונדערטער און טויזענטער יאהרן שפעטער זאלסטו זאגן בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים, און ווי מ'זאגט אין דער הגדה – און ווייבאלד דער קינד לערנט דאך שוין חומש האט ער דאך זיכער געפרעגט די פריער קשיות וכו' – "ואילו לא הוציא הקב"ה הרי אנו ובנינו כו'", קומט אויס אז יצי"מ איז געווען אויך א טובה פאר יענעם דור, הגם בפועל ממש זיינען זיי ניט ארויסגעגאנגען פון מצרים,

– אזוי אויך בנוגע צו קרי"ס, וואס רש"י רעכנט, איז דאך דאס א סיום פון יצי"מ.

און דער נס פון מן און פון באר איז דאך דאס געווען עד יומו האחרון של משה, האבן זיי דאך דערפון אויך געהאט טוב, האבן זיי דאס געקאנט אויסניצן אויף אפהאלטן מיתת משה.

(דאס וואס רש"י איז משנה פון סדר הספרי און רעכנט "ונתן לנו את התורה" צום סוף, איז ווייל רש"י רעכנט כפי סדר המאורעות, משא"כ דער ספרי רעכנט לויט דעם סדר השיבות הענינים)

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דאס וואס רש"י ברענגט ניט וואס משה האט געטאהן במרה – "וימתקו המים", ווייל דאס איז ניט געווען צו דעם דור, נאר צום פריערדיקן.

– ובזה –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 33 הודפס ע"י או

ובזה יובן אויך וואָס רש"י איז ניט מסיים דא "אמר הקב"ה כל מי שיש בידו למחות כו'", ווי רש"י זאגט אויף די אנדערע ערטער, ווײַלע דער גאנצער פירוש דא אזוי צו לערנען איז נאר מצד ההכרח של שארי המקומות, און ס'איז ניט כבודם של ישראל מוחה זיין אנטקעגן אויבערשטן, דעריבער זאגט דאס ניט רש"י בפירוש, און זאגט מערניט ווי "וכו'",

דא איז ניט שייך צו פרעגן, לכאורה וואלטן זיי דאך באוואָרנט מערנים ודי אויף איין טאג, און וואס וועט זיין ווייטער (כמו בב' מקומות הנ"ל שהיו מוכרחים בפעולה שיבטל הדבר לגמרי),

ווארום דש"י זאגט דאך שוין אין פ' ואתחנן אז "נדר שהותר מקצתו הותר כולו", איז וויבאלד די אידן האבן געוואוסט אז די גזירת מיתה איז אויף דעם טאג, און אויב עס וואלט נתבטל געווארן פון דעם טאג, וואלט זי שוין אינגאנצן נתבטל געווארן.

אע"פ אז לכאורה וואלט מען דאך בא דעם דור המבול אויך אזוי געקאנט זאגען, אז זיי האבען געוואוסט דעם טאג וואס דער מבול דארף זיך אנהויבן, און כנ"ל נדר שהותר כו', איז וואס האבן זיי געדארפט צוברעכן די תיבה, עס וואלט דאך געווען גענוג ווען זיי האלטן אפ נח'ן פון אריינגיין אין דער תיבה דעם טאג,

ס'איז אבער מובן בפשטות: ווארום וועלכן טאג דער מבול וועט זיך אנהייבן דאס האט דער אויבערשטער געזאגט נאר צו נח'ן, אבער בני דורו האבן דערפון ניט געוואוסט. אע"פ אז נח האט זיי געקאנט דערציילן זיינען זיי אבער ניט געווען מוכרח אים גלייבן, און אפשר איז ער א בדאי, עכ"פ מצד הספק האבן זיי בעסער געוואלט צוברעכן די תיבה כדי צו זיין זיכערער,

דא אבער האבן די אידן זיכער געגלויבט אז משה אמת ותורתו אמת, האבן זיי געוואלט אראפנעמען די גזירה מערנים ווי פון דעם טאג, און דאס וואלט שוין געווען מספיק ווארום "נדר שהותר מקצתו הותר כולו".

אין רש"י איז דאך אויך מרומז יינה של תורה (פנימיות התורה), איז די הוראה מהנ"ל:

אז דער כח פון תשובה קאן פועל'ן אפילו לאחר גזר דין, אע"פ אז ס'איז שוין געווען א ציווי פון אויבערשטן צו משה, וואס משה איז חכ' עילאה, וכמבואר בתניא די מעלה פון חכ' אז הוא לבדו הוא ואין זולתו, אעפ"כ קען תשובה דערלאנגען העכער, און מה דאך הקב"ה גוזר וצדיק מבטל כ"ש בא ועמך כלם צדיקים אז זיי קאנען זיכער מבטל זיין די גזירה,

ועד"ז איז אויך בא יעדן איינעם אין עשי"ת, וכמבואר בגמרא אז אפילו לאחר גזר דין איז וליהיד אימת איז- עשי"ת קען ער דאס מבטל זיין.

אע"פ אז דא איז דאס געווען בחודש אדר (שבו נפטר משה), וויבאלד אבער דאס איז געווען א ענין של רבים, ווארום רבים צריכים לו, און עס קאן גאר ניט זיין קיין גרעסערער רבים, ווארום דא איז דאך געווען נוגע גאנץ כלל ישראל, וואלטן זיי דאס געקאנט מבטל זיין,

ובפנימיות הענינים איז דאס דער טעם וואס רש"י פירט דא ניט אויס "כל מי שיש בידו למחות כו'", ווארום באמת זיינען אידן יא בכח מבטל זיין, ווייל ונתן לנו את תורתו, תורה איז אפגעגעבן געווארן למטה דוקא, און ווי די גמרא זאגט אז דער אויבערשטער זאגט "נצחוני בני נצחוני", און "תורה לא בשמים היא", און ווי מען פסק'נט אפ למטה אזוי איז דאס למעלה, זיינען אידן בכח מבטל זיין די גזירות דלמעלה.

– פארוואס –



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 34 הודפס ע"י אוצ

פארוואס טאקע האבן די אידן דאס ניט מבטל געווען, איז דאס ווי ער זאגט אין פסוק "בעצם היום הזה", עס וואלט אנגערירט אין עצם פון אידן, ווארום אויב משה וואלט אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, און כל מעשה משה זיינען דאך נצחים, וואלט דאך שפעטער ניט געקאנט זיין דער ענין הגלות, וואלט ניט געווען דער כילה חמתו בעצים ובאבנים, נאר ח"ו אין אידן גופא, און דעריבער האט געמוזט זיין פטירת משה.

ובנוגע לפועל: איז דא וואס א איד טענה'ט אז דער אויבערשטער וויל פון איהם ער זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצות, וואלט ער געדארפט מאכן אז דער נפה"א - משה - זאל זיין בגלוי, און ניט פארקערט דער נפה"ב בגלוי און דער נפה"א בהעלם,

אויף דעם זאגט מען איהם אז דאס איז פאר דיין טובה, אז מען וויל עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכיסופא, נאר דוקא דורך עבודה, ולפום צערא אגרא, און דורך עבודה נעמט מען דעם עצם, ביז מען קומט צו צו דער גאולה העתידה וואס וועט זיין דורך משה שם חלקת מחוקק ספון, און מ'וועט ארויסגיין פון גלות, וואס דער ענין הגלות איז דאך נאר צוליב דער עלי' שלאח"ז - ע"י משה וואס הוא גואל ראשון והוא גואל אחרון.

ח. אזוי ווי ס'איז דאך דער שבת גלייך נאך ר"ה, און דאס איז דאך א המשך פון ר"ה, וועט מען איצטער טיילן כוס של ברכה פון ר"ה, און דערנאך האוונען מנחה און לייענען די פרשה פון וזאת הברכה אשר ברך משה, און אלע ברכות פון משה וועלן מקוים ווערן ביז די ברכה פון וליוסף אמר מבורכת ה' ארצו, וואס יוסף איז דאס בחי' צדיק עליון, ביז דער רבי נשיא דורנו וואס הוא המשביר בר לכל הארץ, וועט עס מקוים ווערן בבני חיי ומזוני און דאס אלץ באופן של דוית.

(לאחר חלוקת כוס של ברכה התחיל לנגן בני היכלא).



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 35 הודפס ע"י או